


# ווייסע הויז שטאַב־הויפּט דזשעקאָב ליו טרעפט זיך מיט אידישע פירער אין ניו יאָרק

**ניו יאָרק.** — דער נייער אָרטאָדאָקסישער ווייסע הויז שטאַב הויפּט, דזשעקאָב ליו, האָט מאָנטאָג אָפּגעשטאַט אַ באַזוך אין ניו יאָרק סיטי און האָט זיך געטראָפן מיט אידישע פירער פון ניו יאָרק סיטי.

ליו האָט באַזוכט ביי אַ זיצונג וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די ניו יאָרק "דזשוּאיש קאָמיוניטי רילעישאָנס קאַונסיל". דער באַזוך איז קאָאָרדינירט געוואָרן דורך דזשעראָד בערנסטין, דער ווייסע הויז דירעקטאָר פאַר אידישע אַנגעלעגנהייטן.

מען האָט אויסגעשמועסט פאַרשידענע טעמעס. ליו האָט איבערגעבן אַז ביים באַשטימט ווערן צום אַמט האָט פּרעזידענט אָבאַמאַ געזאָגט אַז ער וועט זיך פולשטענדיג רעכענען דערמיט וואָס ליו קען נישט אַריינקומען אַרבעטן אום שב"ק.

ביים באַזוך האָבן זיך באַטייליגט מערערע חרדישע עסקנים, צווישן זיי: הרב יצחק אלעזר ווערצבערגער הי"ו, הרב חנינא שפערלין הי"ו און נאָך.




**פון ל. צו ר.: הרב יצחק אלעזר ווערצבערגער הי"ו אידישער געהילף צו מעיאָר בלומבערג, הרב חנינא ספערלין הי"ו פון דזשעי. סי. אָוו קרוינהייטס, ווייסער הויז שטאַב-הויפּט מר. יעקב ליו, מר. דזשאראד בוירנסטין דירעקטאָר פון דזשואיש אוטריטש פון ווייסן הויז און הרב עזרא פריעדלענדער הי"ו**

# מדינת ישראל אַנטזאָגט איינטריט פאַר מתנחל מיט קאָראַן בוך

קראָון הייטס. — מדינת ישראל דערקלערט זיך אַלץ אַלס די אידישע מדינה אָבער עס שטעלט זיך אַרויס אַז אַ מתנחל פון קראָון הייטס איז דערקלערט געוואָרן אַלס אַן אומגעוואונטשענער פאַרשוין און איז פאַרבאָטן אַריינצוטרעטן אין מדינת ישראל צוליב זיינע עקסטרעמע אייסערונגען און דאָס דראָען אומצוברענגען די מדינת ישראל פירער פאַר'ן זיין נאָכגיביג צו די פאַלעסטינער.

דער איד איז אין 05' פאַרבאָטן געוואָרן פון אַריינטרעטן אין מדינת ישראל נאָכדעם וואָס אַן אויספאָרשונג האָט געפונען אַז ער האָט באַזוכט אין זעקס אַראַבישע לענדער, אַריינגערעכנט איראַק, אויך האָט מען געפונען אַ קאָראַן בוך אין זיין רענצל, און מען האָט געזען אַז ער רעדט אַ פליסיגן אַראַביש. דער איד וואוינט יעצט אין מאָראָקאָ פון וואו די מדינת ישראל פרעסע האָט צום ערשטן מאָל געהערט זיין געשיכטע.

## פרייליכע נייעס פאַר ערליכע אידן:

# קומענדיגן פּורים תשע"ב וועט זיין 'מחיית עמלק' און וואַרשיינליך אויך 'מחיית אינטערנעט'

נפתלי וויינבערגער

**וואַשינגטאָן.** — די פעדעראַלע רעגירונג האָט געמאָלדן אַז די עף. בי. איי. וועט קומענדיגן מערץ 8, בעצם יום הפּורים הבעל"ט, מוזן אַרויסנעמען פון דינסט די אינטערנעט סערווערס וואָס זי האָט אין יאַרע 11 צוגעשטעלט אויף באָרג צו די גרעסטע אינטערנעט פירמעס אין לאַנד.

אויב דאָס פּאַסירט, מיינט דאָס אַז אינטערנעט אין אַמעריקע וועט טיילווייז אַרויסגיין פון באַנוץ און מיליאָנען אַמעריקאַנער וועלן פאַרלירן צוטריט צום אינטערנעט.

די געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן פאַרגאַנגענעם נאָוועמבער, ווען די עף. בי. איי. האָט אַרעסטירט זעקס מענטשן אין עסטאָניע פאַר'ן פאַרשפּרייטן אַ גאָר שעדליכן קאָמפּיוטער ווייִרוס וועלכע האָט אָנגעיאָגט אָנצושטעקן קאָמפּיוטערס אין איבער 100 לענדער, אַריינגערעכנט אַ האַלבע מיליאָן קאָמפּיוטערס אין אַמעריקע אַליינס, איידער מען האָט זיך געכאַפּט.

די שעדליכע ווייִרוס האָט אָנגעיאָגט זיך אַריינצוכאַפּן ביי די סערווער קאָמפּיוטערס פון האַלב פון די פאָרטשון 500 פירמעס און ביי 27 פון 55 גרויסע רעגירונגס אַגענטורן אין אַמעריקע. כדי די ביזנעסער זאָלן זיך קענען צוריקכאַפּן האָט די עף. בי. איי. זיי געבאָרגט אירע מאַכטפולע אינטערנעט סערווערס כדי זיי זאָלן האָבן צייט אַרויסצונעמען זייערע אָנגעשטעקטע קאָמפּיוטערס פון דינסט און זיי רייניגן פונעם ווייִרוס.

אַצינדער, מערץ 8, לויפט אויס די צייט וואָס די פירמעס מוזן צוריקגעבן די קאָמפּיוטערס צו די עף. בי. איי. און אויב זיי האָבן נישט אָנגעיאָגט צוריקצושטעלן זייערע אייגענע קאָמפּיוטערס אין דינסט מיינט דאָס אַז די אינטערנעט וועט אום פּורים פאַרלאָשן ווערן פאַר אַ גרויסן טייל פון אַמעריקע.

דאָס איז אַ גוטער סימן פּורים אינעם זמן פון מחיית עמלק, אַז די שעדליכע אינטערנעט ווערט אויך אויסגעמעקט און אויסגעראָטן.